**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג לאנדמארק האויזינג צושטימונג, מעלדט גאווערנער האקול אז סאפאלק קאונטי ארט וועט זיין די ערשטע סטעיט פראפערטי באשטימט פאר האויזינג**

***גאווערנער געבט ארויס פארלאנגען פאר פארשלאגן צו ווידער אנטוויקלען 13-אקער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע ארט אויף קאנקלין סטריט אין מזרח פארמינגדעיל, סאפאלק קאונטי און צושטעלן געמישטע-געהאלט רעזידענטשעל איוסוואלן פאר ניו יארקער***

***בויט אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די האויזינג קריזיס - ארייננגערעכנט היסטארישע אפמאך אלץ טייל פון FY 2025 ענעקטעד בודזשעט צו פארמערן ניו יארק'ס האויזינג סופליי***

***פארשלאגן דארפן ווערן אריינגעגעבן ביז אוגוסט 7, 2024 ביז 5:00 נאכמיטאג - פארלאנג פאר פארשלאגן זענען אוועילעבל [דא](#) און א בילד פונעם ארט איז אוועילעבל [דא](#)***

בלויז וואכן נאך א לאנדמארק האויזינג אפשטימונג אינעם FY 2025 ענעקטעד בודזשעט, האט גאווערנער קעטי האקול היינט געמאלדן דעם ערשטן סטעיט-אייגנטום פראפערטי געצילט פאר מעגליכע האויזינג. דער גאווערנער האט ארויסגעגעבן א פארלאנג פאר פארשלאג צו אפקויפן און ווידער אנטוויקלען אן אומגעפער 13-אקער ארט אין קאנקלין סטריט אין מזרח פארמינגדעיל. דער ארט, וואס געהערט אצינד פאר די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע אלץ טייל פון רעפובליק לופטפעלד, איז געווען ליידיג זינט די 1990ס און דינט נישט קיין שום דירעקטע פונקציע פאר די לופטפעלד. די פראפערטי שלאגט פאר א גאלדענע געלעגנהייט צו טוישן וואס איז אצינד א נאכגעלאזטע און אומבאנוצטע לאט צו א ווירבלדיגע געמישטע-באנוץ רעזידענטשעל דעוועלאפמענט וואס פארבעסערט האויזינג איוסוואלן פאר א ברייטע איוסוואל פון ניו יארקער. אפליקאנטן קענען נאכקוקן די פארלאנג פאר פארשלאגן דאקומענט [דא](#) און א בילד פונעם ארט [דא](#). פארשלאגן זאלן ווערן אריינגעגעבן צום עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ביז אוגוסט 7, 2024 ביז 5:00 נאכמיטאג EST.

"מיר האבן אט באקומען א לאנדמארק האויזינג דיעל וואס וועט מאכן ניו יארק מער צוגענגליך און וואוינבאר, און אצינד נעמען מיר זיך צום ארבעט און מאכן עס פאר א ווירקליכקייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו נוצן לאנד וואס געהערט צום סטעיט איז א ערנסטע געלעגנהייט צו פארמערן האויזינג סופליי און העלפן ניו יארקער טרעפן א פלאץ צו רופן זייער היים."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט הויפט און קאמיסיאנער האופ קנייט האט געזאגט,** "די קאנקלין סטריט RFP פארטרעט אן ערנסטע געלעגנהייט צו שאפן א ווירבלדיגע, געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט וואס וועט פארבעסערן די לאקאלע געמיינדע אוןביישטייערן צו דעם ארט'ס עקאנאמישע וואוקס. ESD קוקט ארויס צו ברענגען דעם פראיעקט צום ווירקליכקייט און אויפשליסן די גאנצע מעגליכקייט פון דעם ארט."

דער פראיעקט ארט געפונט זיך אין דעם האמלעט פון מזרח פארמינגדעיל אינערהאלב דעם טאון פון באבילאן, סאפאלק קאונטי, וואס גרעניצט זיך מיט קאנקלין סטריט צו די דרום, MTA'ס לאנג איילענד באן שינעס צום צפון, און בראודהאלאו ראוד/רוט 110 צו די מערב זייט. ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט טוט אצינד קאנטראלירן דעם ארט, און דער ארט איז א סך הכל פון אומגעפער 13 אקער. די סטרוקטורס אויף דעם ארט זענען פארדעם גענוצט געווארן צו מאניופאקשורן ערעפלאנען, און שטייט אצינד ליידיג און איז באשטימט פאר פארניכטונג. די פלאץ געפונט זיך באקוועמערהייט א מייל גלייך פון סיי די פארמינגדעיל און פיינלאון LIRR סטאנציעס און שטעלט צו נאנטקייט צו רוט 110, איינע פון לאנג איילענד'ס גרעסטע קאמערציאלע צענטערן, וואס פארבעסערט איר מעגליכקייט פאר א טוישנדע געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וואס געפונט זיך נאנט צום טאון פון באבילאן, צילט צו אויפשטעלן א געמישטע-באנוץ צענטער וואס שטעלט צו קריטישע נויטיגע רעזידענטשעל האויזינג און סטימולירט עקאנאמישע וואוקס און נייע ארבעט געלעגנהייטן אינערהאלב מזרח פארמינדעיל און לענגאויס דעם ראיאן. ווי אויך, וועט דער דעוועלאפמענט באנוצט ווערן צוצושטעלן פובליק אפענע פלאץ, פארבעסערן פוסגייער פארבינדונג צו דערנעבנדע קאמערציאלע צענטערן און אויספירן אנדערע קאמיוניטי סערוויסעס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ערווארט אז 20 פראצענט פון די האויזינג אויף די דעוועלאפמענט וועלן זיין עפארדעבל דירות בלויז פאר משפחות וואס פארדינען א געהאלט פון 80 פראצענט פון די עריע מידיען געהאלט.

ווי אויך, דארף די דעוועלאפמענט פלאן אריינרעכענען געווג פארקינג, אויסשטעלן וואס ברענגען ארויס סוסטעינעביליטי, שטארקקייט, און ענערגיע עפישענסי נאכצוקומען די צילן פון ניו יארק'ס קלימאטן אקט, און נאכקומען אלע FAA און NYSDOT פארלאנגען צו ערלויבן פאר די ארויסלאזן פון די פראפערטי איידער מען קען אנהויבן דעם דעוועלאפמענט. מען וועט דארפן עטוואס איבערמאכן דעם ארט פאר מעגליכע אונטערן איבערפלאך ענווייראנמענטאלע פארפעסטיגונג, וועלכע וועט ווערן געשטיצט דורך ביז צו $4 מיליאן דעפארטמענט פון האויזינג און אורבען אנטוויקלונג גרענט צום טאון פון באבילאן, באקומען דורך U.S. סענאט מאריטעט פירער טשארלס שומער און U.S. פארטרעטער ענדרו גארבארינא.

די RFP שטופט פאראויס גאווערנער האוקאל"ס אויסקוק צו אדרעסירן ניו יארק סטעיט'ס האויזינג קריזיס און בויט אויף א לאנדמארק אפמאך באקומען דורכן גאווערנער צו פארמערן דעם סטעיט'ס האויזינג סופליי אלץ טייל פון דעם FY 2025 ענעקטעד בודזשעט. דער בודזשעט נעמט אריין: א פרייוויליגע שטייער אינסענטיוו פראגראם פאר געמישטע-איינקונפט און 100 פראצענט אפארדעבל נייע געבוי אדער טוישן מערערע פאמיליע דינגען פראיעקטן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי; א 500$ מיליאן קאפיטאל פאנד צו אנטוויקלען ביז צו 15,000 נייע הייזער אויף לאנד וואס געהערט צום סטעיט; נייע, פארשטערקערטע באשיצונגען פאר היימאייגנטומער פון דיעד רויבעריי; און מער ווי 600$ מיליאן אין קאפיטאל אינוועסטירונגען צו שטיצן האויזינג לענגאויס די סטעיט.

דער RFP פערענדיגט דעם גאווערנער'ס פינף יעריגע, 25$ ביליאן הויזונג פלאן געמאלדן אין דעם FY 2023 בודזשעט וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק אריינרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען. ביז היינט, זענען מער ווי 5,800 היימען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן אויף לאנג איילענד.

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמיסיאנער רותען וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "לעזן דעם האויזינג קריזיס וואס ניו יארקער ספראווען זיך מיט פארלאנגט שעפערישע לעזונגען וואס וועט אויפשליסן אונזער סטעיט'ס מעגליכקייט פאר וואוקס. מיטן אנטוויקלען דעם קאנקלין עווניו ארט, וועלן מיר נוצן רעסורסען וואס זענען איבערגעבליבן אומבאנוצט פאר איבער א פערטל-יאר הונדערט צו שאפן טראנזיט-פריינטליכע

האויזנג אין מזרח פארמינגדעיל, מיט אינטעגרעיטעד אפארדעבל דירות, וואו די געברויך איז צווישן די מערסטע קריטיש אינעם סטעיט. א דאנק גאווערנאר האקול פאר איר נאכאנאנדע איבערגעגעבנקייט צו בויען א מער אפארדעבל ניו יארק."

**אסעמבלימיטגליד קימבערלי דזשיען-פיער האט געזאגט,** "האויזינג אפארדעביליטי אויף לאנג איילענד איז אן ערנסטע פראבלעם. אלץ די וואו מאכן די געזעץ, איז עס אונזער פליכט צו העלפן פארריכטן די פראבלעמען. היינט, נעמען מיר אן ערנסטע שריט צו פארזיכערן נאך אפארדעבל האויזינג פאר לאנג איילענד. די ארט'ס נאנטקייט צו ארומיגע קאמערציאלע ערטער און די LIRR מאכן עס א באקוועמע פלאץ פאר מעגליכע איינוואוינער. איך בין צופרידן צו זען די פריערדיגע אומבאנוצטע ארט ווערן גענוצט פאר אזא וויכטיגע צוועק. איך באגריס גאווערנער האקול פארן נעמען די פירערשאפט אויף דעם ענין און פארזעצן צו פארפולן איר צוזאג פון שאפן אפארדעבל האויזינג לענגאויס די סטעיט."

**סאפאלק קאונטי הויפט עדווארד ראומעין האט געזאגט,** "די ווידער אנטוויקלונג פון דעם קאנקלין סטריט וואס געהערט פארן סטעיט אין מזרח פארמינגדעיל וועט טוישן די נאכגעלאזטע ארט בשעתן צושטעלן פיל פארלאנגטע האויזינג. איך שטיץ גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארבעסערן די מזרח פארמינגדעיל געמיינדע."

**סאפאלק קאונטי לעגיסלאטור מינאריטעט פירער דזשעיסאן ריטשבערג האט געזאגט,** "איך קען נישט זיין מער צופרידן מיט די מעלדונג פון די לאנג-ערווארטעטע פראיעקט. סאפאלק קאונטי דארף זייער וויכטיגע אפארדעבל, סוסטעינעבל האויזינג, און די פראפערטי וואס מען רעדט פון איז געווען ליידיג און נאכגעלאזט פאר יארן. דאס איז די אויסגעצייכנטע געלעגנהייט נישט בלויז צוצושטעלן האויזינג אבער אויך אוועקצונעמען עפעס וואס שטערט פארן אויגן און איז געווען די טעמע פון באקלאגענישן פאר יארן. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן שטיצן דעם פראיעקט און פאר אייביג ארויסקוקן פאר לאנג איילענד."

**באבילאן טאון אויפזעער ריטש שאפער האט געזאגט,** "איך באגריס גאווערנער האקול פארן נעמען פאראויס שריט צו אדרעסירן די לאנג-שטייענדע מיאוסע ארט אין מזרח פארמינגדעיל. אלץ אויפזעער פון די טאון פון באבילאן, בין איך צופרידן צו זען דעם סטעיט'ס פארפליכטונג איבערצופרישן דעם ארט. מיר וועלן פארזיכערן אז סיי וועלכע דעוועלאפמענט קומט נאך די געברויכן און צילן פון אונזערע איינוואוינער און געמיינדע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן